דערשיינט יעדן צווייטן פרייטיק

# בית יעקב

ליטעראַרישער נאַציאָנאַל-זשורנאַל

בית יעקב לכו ונלכה באור ה'

אשה יראת ה' היא תתהלל

יאָרגאַנג 9

ארגאַן פאַר די אינטערעסן פון די בית-יעקב-שולן און אָרגאַניזאַציעס בנות-אגודת-ישראל אין פוילן

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידמאַן

נומער 78

ב"ה, לאָדזש-קראָקע-וואַרשע, — פרייטיק פ' חיי-שרה כ"ו מרחשון תרצ"ב

## דעם רמב"ם-ס קבר אין טבריא



דער רמב"ם איז נפטר געוואָרן כ' טבת תתקס"ה (אדער תתקס"ו) אין מצרים. זיין גוף איז איבערגעפירט געוואָרן קיין ארץ-ישראל און נקבר געוואָרן אין טבריא. ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק, איז אויפן קבר געשטאַנען די אַלטע מצבה, פון וועלכער ס-איז מער נ שט געבליבן ווי אַ ריזיקער ווייס-אָפּגעקאַלעכטער שטיין. די גאַנצע אויפשריפט איז געוואָרן אָפּגעריבן. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ רייכער ספרדישער ייד געלאָזט אויפשטעלן די פּרעכטיקע מצבה, וועלכע מיר זען דאָ אויפן בילד. די אַלטע מצבה איז געבליבן אויף איר אָרט אומבאַריִרט. אויף דער נייער מצבה, וועלכע רינגעלט אַרום דאָס קבר האָט מען אויסגעקריצט די זעלבע ווערטער, וואָס זענען געווען אויף דער פריערדיקער: „פה טמון רבינו משה בן מיימון מבחר האנושי" און „ממשה עד משה לא קם כמשה".

## צו אַלע בית-יעקב-פאַרוואַלטונגען און לערערנס!

מיר פאָדערן אייך אויף, אינטענסיוו און ענערגיש זיך באַמיען צו שאַפן שטענדיקע געזיכערטע אַבאָנענטן פאַר אונדזער נייטיקע און שטאַרק וויכטיקע איינציקע אָפיציעלע טריבונע

### בית-יעקב-זשורנאַל

דער זשורנאַל מוז דורך די שולן געשטיצט און אויסגעהאַלטן ווערן. מאַטעריעליש נוצט דאָס זשורנאַל, ווייל דאַדורך ווערט אין דער גאַנצער וועלט באַקאַנט אַלץ וואָס פּאַסירט אין בית-יעקב-לעבן. גייסטיק ווידער, ווירקט און איז משפיע דער זשורנאַל אונדזער הייליקן געדאַנק איינצופלאַנצן אין די הערצער פון אונדזערע טעכטער. אין דער קלענסטער שטאָט מוז זיין מינדעסטנס 15 אַבאָנענטן.

גאַנץ באַזונדער איז דער חוב פון אונדזערע לערערנס אין דער אַקציע אַקטיוו מיטצוהעלפן און באַזונדער אָבליגאַטאָריש מחויב צו זיין, דאָס די יינגערע קינדער זאָלן קויפן דעם „קינדער גאָרטן", „פרישע בלימלעך" און פון די עלטערע קורסן דאָס בית-יעקב-זשורנאַל.

מיר בעטן און פאָדערן פון אייך לטובת אונדזער אידעאַל צום כבוד און נוצן פון דער ב"י באַוועגונג די זאַך דורכצופירן פּינקטלעך און דיסציפּלינאַריש.

צענטראַלע
„בית-יעקב"
קראָקע

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
ŁÓDŹ, 7 Listopada 1931 Cena 65 gr. R... 6

BAJS JAKOW

...ט אבלים
...יף בצערו של ידידי הנכבד
ר' מאיר הייטנער נ"י
למות עליו אשת נעוריו ע"ה
המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
ידידו
אליעזר גרשון פרידנזאן

## עס ווערט גיזוכט:

א פריילין אלס דערציערן פאר צוויי קינדער, יינגלעך פון עלטער 4–7 יאר. איז א גרעסערע פראווינץ-שטאט ביי א רעליגיעזער פאמיליע. די קאנדידאטן דארפן באזיצן פעדאגאגישע כשרונות גרינטליך העבראיש, יידיש און פויליש און בכלל זיין גינוגנט אינטעליגענט.

די באדינגונגען און שכירות זענען זייער גינסטיקע. ויך צו ווענדן אין אונדזער רעדאקציע פאר „דערציערן".

דין-קדימה האט א גאליציאנערן.

א וויכטיק נוצלעך בוך מאטעריאל אויף רעדעס, דרשות, אקטועלע פרעדיקטן אין יידי:
## „מאדערנער יידישער רעדנער"
זייער וויכטיק פאר לערערנס און בנות-פירערנס
200 זייטן בוך-פארמאט
— פרייז 6 גילדן —
פאר אונדזערע אבאנענטן נאר 4 גילדן מיט פארטע!
פאראן נאר א באגרעניצטע צאל!
באשטעלונגען אן געלט ווערן נישט אויסגיפירט!
צו באקומען אין אונדזער אדמיניסטראציע

## אכטונג!

מיר פאדערן אויף אלע פרעסע - קאמיסיעס ענערגיש איינצוקאסירן אלע חובות — די וואס זענען שולדיק פון יאר תרצ"א נאך וועלן מיר פארעפנטלעכן זייערע נעמין אלס שטערער און צוברעכער פון דער ארטאדאקסישער פרעסע

## וועגן איינצעלנע ביכלעך

פון צייט צו צייט באקומין מיר באשטעלונגען אויף פארשידינע ביכלעך, וואס ווערן אבער נישט אויסגיפירט. כל-זמן ביי אזעלכע באשטעלונגען ווערט נישט גישיקט דער באטרעף פריערדיס. איז א שאד דאס שרייבן, ווייל ס׳ווערט גארנישט גיענטפערט! מיר קענין נישט פירן קיין קארעספאנדענץ מכוח אזעלכע גראשיקע באשטעלונגען. ווען איר ווערט ווילנס ס׳איז איינצעלנע ביכל באשטעלן מוזט איר שיקן דעם פולן באטרעף אויף אויף אונדזער קאנטא פ. ק. א. 67.795

## אינסטרוקציעס און מאטעריאל צו גרינדן א בנות-אגודת-ישראל-ארגאניזאציע:

אויפרופן, דעקלאראציעס, אפצייכינונגען, פראפאגאנדע-בראשורן, בנות-קארטלעך.
— 5 גילדן —
אין יעדן ארט וואו עס וויל זיך ערשט גרינדן א „בנות" דארף מען באלד באשטעלן די מאטעריאלן. אדרעס פון דער צענטראלע:
Sekretarjat B.A.I. Łodź, skrz. p. 146
פאר געלט:
P. K. O. 67.795

העקטאגראפירטע רעפעראטן
פון י. ל. ארלעאן
1) יידנטום און אסקעטיזם
2) דאס מוסטער-בילד פאר אונדזער יוגנט
ביידע רעפעראטן קאסטן 2 גילדן
באשטעלונגען אן באטרעף ווערן נישט אויסגיפירט!
געלט-שיקן:
P. K. O. 67.795

קינדער-פארשטעלונג
„חנוכה ביי דער באבעשי"
פון י. ל. ארלעאן
העקטאגראפירט
פרייז 3 גילדן
אן געלט ווערט נישט גישיקט
צו באקומין אין אונדזער אדמיניסטראציע.

פולע קאמפלעטן גיבונדן פון יאר תרצ"ב
בית-יעקב-זשורנאל
פרייז 10.65 גילדן מיט פארטע
קינדער-גארטן
פרייז 3.15 גילדן
צו באקומין אין אונדזער אדמיניסטראציע

א הארציקן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער בת' פירערן רחל ניידאט צו איר פארלאבונג מיט ה' בלאשטיין (לאדזש). אייער לעב ס׳ווינג זאל מיט רייזן באצירט זיין און איר זאלט זוכה זיין צו בויען אייער הויז אויף די בערג פון יהו־ה אין גייסט פון אונדזערע אידעאלן. גליק און צופרידנהייט זאלן אייך תמיד באגלייטן עד מאה ועשרים שנה.

זד.-וואלע בתי'-פארבאנד
מינדל ראזנבערג

דער חשובער פר. מאניע שרייבער צו איר פארלאבונג ווינטשט א הארציקן מזל-טוב
גלינע מוניע נאדלער

מזל-טוב צו דער חתונה פון אונדזער חשובע חברה פרל. רייזל צמח מיט ה' טאק. זאל גליק און צופרידנהייט אייער נייען לעבנס-וועג באגלייטן.
גריצע בנות אגודת ישראל
לערערן חי מיימין

א הארציקן מזל טוב ווינטשן מיר אונדזער ליבע קוזינע הענדל ראגאווסקא (וויעלון) צו איר פארלאבונג מיט ה' מאיר געפילהויז (חאנטשאליץ). דער שטערן פון גליק זאל זיין דיין שטענדיקער באגלייטער.
וויעלון מאשא אונגער, פראדל עליאש

צו דער פארלאבונג פון מיין פריינדן דבורה רוזשיינסקא (לינטשיץ) מיט ה' יהושע ווארשאוויאק (ווארשע) וואונטש איך א הארציקן מזל-טוב. השי"ת זאל אייך בענטשן מיט פיל גליק און צופרידנהייט.
לאדוש-באלוזאנאוו חוה גאלדבערג

סל מלא ברכת וכתוכם ברכת מזל-טוב אנו מגישות לחברתנו היקרה מרת שרה רייבער לאירושי' עם מר משה נוסבוים. יה"ר שיחי' דרכם בחיים צלחה ויזרח מזלם כשמש בצהרים.
קלוש בשם בנות אגודת ישראל
מורה דבית יעקב בתי' כ"ץ

בברכת מזל-טוב חמה ונלבבה אני מברכות את חברתנו היקרה מרת שרה רייבער תחי' לאירושי' עם אחינו היקר משה נ"י. יתן ה' שתזכו לבנות את ביתכם על יסודות התורה האמונה והצלחה.
מלכה וואלשט

צו דער חתונה פון פרל צייטאק (חישקאוו) ווינטש איך פיל גליק און אייביקער צופרידנהייט.
פ. זיידמאן
(ב"י לערערן אין דעמבלין)

א הערצלעכן מזל טוב ווינטשן מיר אונדזער פריינדן פרל. אסתר מייזעלס (לובלין) צו איר פארלאבונג מיט ה' זילבערבערג (זאוויכאסט). זאל ג—טלעך גליק הארמאניש אייער נייען לעבנס-וועג באשטראלן.
רייזל מיימין—ווארשע
נחמה קראנענבלאט—לובלין

א הארציקן מזל-טוב ווינטש איך מיינע ל. פריינדן ב"י עסקנית ג. פרוי בריפסטרעגער און ח. פאמיליע (שו"ב גסטשזגאווע) צום גיבורט פון זייער זונדל. זייט זוכה לגדלו לתורה לחופה ולמעשים טובים.
יאדאוו רבקה איזראעלסקא

א ברכה-פולן מזל-טוב ווינטשן מיר אונדזער אקטיווע בנות-מיטגלידער פרל. רחל קאס צו איר פארלאבונג מיט ה' הערש יוסף לאסקאווסקי (וווארט). זאל דער אלמעכטיקער אייער צוקונפט מיט שטענדיקער צופרידנהייט און הימלישע ברכות בענטשן.
(דאברע ביי טורעק) לערערן שרה בוים
בנות אגודת ישראל
פראדל שקאף
רחל יעראזאלימסקא

גיזעצט ביי מ. ליבעסקינד לאדז, קילינסקעגא 50

Red. i Wyd. Luzer Gerszon Frydenzon

Druk. J. Djament Łódź, Kilińskiego 50.